מגן ומושיע
צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

# חינוך געדאנקען
דורך הרב ל.י. גרינבערג

פרשת ויקהל
כ"א אדר א' תשע"ד

גליון כ"א

# צוברענגען דעם קאפ צום הארץ

**רבי אליהו לאפיאן זצ"ל** דערציילט *אז ווען ער איז געווען א קינד איז אמאל געקומען צו פארן א חזן אין שטאט. ער איז צוגעגאנגען צו מעריב, און אראפגעלייגט א הארציגער דאווענען. ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער אין השכיבנו "והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" האט ער עס איבערגעזינגען איינמאל און נאכאמאל מיט גאר א מתיקות'דיגע תנועה, ביז דער גאנצער עולם האט מיטגעזינגען און פון יעדנס אויגן איז גערינען טרערן. ר' אליהו האט דעמאלטץ אריינגעטראכט, וואס איז פשט אז דער עולם איז געווארן אזוי איבערגענומען, יעדער איינער קען די ווערטער, מ'זאגט עס יעדע נאכט ביים דאווענען, און יעדער קען אפילו די פירוש המילות. וואס האט דער חזן מחדש געווען אז ווען ער האט אראפגעלייגט די זעלבע ווערטער מיט א מתיקות האט מען געפילט די געוואלדיגע געגועים צום באשעפער און געבעטן אז דער רבונו של עולם זאל אוועקנעמען דעם יצר הרע?*

ר' אליהו איז צוגעקומען צו די מסקנא אז אין הכי נמי. יעדער איינער האט געהאט די אינפארמאציע פון "והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" ביי זיך אין קאפ. יעדער איד וויל אז ער זאל נישט האבן קיין נסיונות. נאר ווען דער חזן האט געזינגען די ווערטער מיט אזא התעוררות האט ער גענומען די ידיעה אין קאפ און עס צוגעברענגט צום הארץ. דערפאר האט זיך געעפנט די הערצער פון די אידן און מען האט זיך אויסגעגאסן אין א געוויין צום באשעפער.

היינטיגע צייטן איז דער מציאות אז יונגע קינדער ווייסן זייער אסאך וועגן אידישקייט. עס איז קיינמאל נישט געווען ביי כלל ישראל אז אלע קינדער זאלן לערנען אזויפיל ווי מען לערנט אין די היינטיגע חדרים. יעדער איינער ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער, און אז זיין רצון איז אז מען זאל טון די מצוות און ער וועט געבן שכר דערויף. אויב אזוי שטעלט זיך די שאלה, פארוואס זעט מען נישט אז די קינדער זאלן טאקע זיין אזוי דערהויבן און כסדר טוט מצוות און מעשים טובים? דער תירוץ איז אז עס פעלט נישט אין מוח, עס פעלט אין לב. דאס קינד קען וויסן זייער אסאך, אבער אויב דאס הארץ איז נישט דערביי דעמאלט וועט ער נישט האבן קיין חשק דערצו. און דאס איז דער עיקר תפקיד פון די עלטערן און מחנכים, אריינצוגעבן אין די קינדער א התלהבות און א חשק אז זיי זאלן אליין שפירן אין זייערע הערצער אז זיי ווילן טון דאס וואס איז ריכטיג און גוט.

> **דאס איז דער עיקר תפקיד פון די עלטערן און מחנכים, אריינצוגעבן אין די קינדער א התלהבות און א חשק אז זיי זאלן אליין שפירן אין זייערע הערצער אז זיי ווילן טון דאס וואס איז ריכטיג און גוט.**

**ווי אזוי טוט מען דאס?** ווי אזוי לייגט מען אריין אין די קינדער א געפיל צו אהבת ה'?

דער איינציגער וועג ווי אזוי מען קען דאס טון איז אויב די קינדער וועלן עס אליין בייגעוואוינען. אויף ענגליש איז דא א ווארט: "זען איז גלייבן." אויב די קינדער זעען ווי ביים טאטן איז א זכיה יעדע בלאט גמרא וואס ער לערנט אדער יעדער חסד וואס ער האט געטון מיט א צווייטן גייט דאס אים אריין אין די בלוט און ער באקומט אליין דעם געפיל דערצו. יעדער איינער גיבט זיך אזויפיל אוועק פאר אידישקייט עס זענען דא יונגעלייט וואס רייסן זיך ארויס פון בעט אין די פריע פארטאגס שעה'ן כדי צו האבן א שיעור צופרי, צומאל מאכט זיך א שאלה אין געלט זאכן, און מען איז זיך מתגבר און מען איז מוותר אויף גרויסע סכומים געלט כדי מען זאל נישט נכשל ווערן אין א חשש ריבית אדער גזל. אזוי אויך ביי די פרויען איז כסדר דא ווען מען גיבט זיך אוועק פאר'ן באשעפער, ביים קויפן קליידער און מאכלים אדער ביים טון חסד מיט אנדערע אידן.

אבער עס איז א שאד אז די סיפוק וואס מען האט דערפון און די תענוג רוחני וואס מען שפירט דערביי וועט מען ענדערש טיילן מיט די חברים ווי מיט די אייגענע קינדער. אויב מען געוואוינט זיך צו צו דערציילן פאר די קינדער וואספארא הנאה מען האט געהאט ביים פארשטיין א שווערן תוספות אדער ווי גוט מען שפירט זיך אז מען האט זיך מתגבר געווען אויף א נסיון צו פארדינען אומערליכע געלט, וועלן זיי אויך באקומען א געשמאק אין קיום המצוות און זיך אויפפירן ערליך.

*דער לעכאוויטשער רבי זי"ע האט אמאל גאר שטארק אויסגעלויבט א מלמד תינוקות פאר זיינע תלמידים. זיי האבן פארשטאנען אז דאס איז נישט אומזיסט, מסתם דארפן זיי זיך עפעס אפלערנען פון אים. זיי זענען אריבער צו דעם מלמד מיטצוהאלטן ווי אזוי ער לערנט פאר. זיי האבן געהערט ווי ער לערנט פאר דעם קאפיטל אין תהלים קט "ברכי נפשי את ה'". ער האט פארגעלערנט און איבערגעטייטשט יעדן פסוק ערקלערנדיג ווי אזוי דוד המלך לויבט דעם באשעפער פאר אלע זיינע געוואלדיגע פעולות וואס ער טוט. ביז ער איז אנגעקומען צום פסוק "מה רבו מעשיך ה'." דער מלמד האט זיך געשטעלט דערויף און געפרעגט: "פארוואס*

המשך אויף צד ב'

גליון זה נתנדב לעילוי נשמת
הי חסיד הי עניו איש צדיק תמים במעשיו
החסיד המרומם
הרב ארי בן הרב פסח ז"ל גרינבערג
נפטר י"א אדר א' דהאי שתא
ת.נ.צ.ב.ה.

המשך פון צד א'

*איז דוד המלך מפסיק אינמיטן דעם מזמור און ער רופט אויס מה רבו מעשיך ה', כולם בחכמה עשית, איידער ער האט געענדיגט אויסרעכענען אלע וואונדערליכע פעולות פון דעם באשעפער, עס וואלט געווען אסאך מער פאסיג צו צוענדיגן דעם מזמור מיט די ווערטער?"*

*"דער תירוץ איז," האט דער מלמד געענטפערט, "אז דוד המלך איז געווארן אזוי נתפעל אינמיטן אויסרעכענען די געוואלדיגע חסדים פון דעם באשעפער, אז ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געגעבן א שריי ארויס פון די טיפענישן פון הארץ, "מה רבו מעשיך ה'!"*

*די תלמידים האבן זיך צוגעהערט מיט אינטערעסע צו דעם מלמד, און זיי האבן געזען אז ער רעדט מיט אזא התלהבות, מלא רגש, אז מען האט געקענט דערקענען אז ער אליין קאכט מיט געפילן צום באשעפער און איז אויף די זעלבע מדריגה פון וואס ער רעדט. דעמאלט האבן די תלמידים פארשטאנען פארוואס זייער רבי האט אזוי אויסגערימט דעם מלמד. ער האט זיי געוואלט ווייזן א דוגמא וואס דאס מיינט אז מען גיבט אריין אן אמת'ע אהבת ה' צו קינדער.*

*איך האב א מנהג אז נאך פסח גיי איך ארום אין די כיתות און איך פרעג אויס די קינדער וואס זיי האבן געבעטן פאר אפיקומן פון זייער טאטן. איינמאל האט א קינד מיר געזאגט אז ער לערנט מיט זיין טאטן יעדע נאכט פאר צוואנציג מינוט, און יעצט האט ער געבעטן פאר אפיקומן אז ער זאל לערנען מיט אים נאך צען מינוט. איך בין זייער נתפעל געווארן פון דעם אפיקומן, און איך בין ארויסגעגאנגען און גערופן דעם טאטן אים געגעבן א ווארעמער גרוס פון זיין זון, און דערביי אים געפרעגט וואספארא ספעציעלע מעטאדן ער נוצט אז דאס קינד זאל האבן אזא זעלטענע אהבת התורה. דער טאטע האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. ער האט גארנישט געטון ספעציעל לעצטנס.*

*אזוי רעדנדיג מיט אים איז ארויסגעקומען אז מיט א שטיק צייט צוריק האט ער געענדיגט א שווערע מקצוע אין כולל, און ווען ער אהיימגעקומען מיט א שיינענדיגער פנים האט ער געטיילט אייזקרים פאר אלע קינדער, זאגנדיג, "איך בין יעצט זייער בשמחה אז איך האב זוכה געווען צו ענדיגן א שווערע מקצוע נאכ'ן זיך מוטשען דערויף לאנגע חדשים, און איך וויל אז איר זאלט זיך מיטפרייען מיט מיין שמחה!" ווען איך האב דאס געהערט האב איך שוין פארשטאנען פון וואו עס קומט אזא מדריגה צו דאס קינד.* **עס איז פשוט אז אויב ער זעט אז דער טאטע איז אזוי בשמחה ווען ער לערנט דורך א שווערע סוגיא, באקומט ער אויך אריין א חשק צו קענען טועם זיין פון די שמחה.**

**ווען מען טוט מצוות אויף אזא אופן און מען ווייזט פאר די קינדער אז דער הארץ איז דערביי דאן גייט עס אריין אין זייערע ביינער...**

*אן אנדער סארט מעשה האט פאסירט מיט א בחור פון א חשוב'ע שטוב וועלכער האט ליידער געגליטשט. דער צער פון זיין טאטן איז געווען אומבאשרייבליך. וויפיל ער האט פרובירט צו רעדן צו אים און אים ערקלערן אז ער מאכט זיך חרוב האט דאס נישט געהאלפן. איינמאל איז דער בחור געווען ביים טאטן אין שטוב אויף שבת, און פארנט פון דעם טאטן האט ער ארויסגענומען א ציגארעטל און אנגעהויבן צו רייכערן. דער טאטע האט זיך נישט געוואלט אנרופן. ער האט געוואוסט אז ער האט נישט וואס אים צו זאגן. זאל ער אים זאגן אז מען טאר נישט רייכערן? ער ווייסט אז מען טאר נישט רייכערן שבת. איז ער אזוי געשטאנען און זיך געביסן די ליפן, ביז ער האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן און ער האט אויסגעפלאצט אין א הילכיגער געוויין פון גרויס צער אז זיין אייגענער זון האט זיך דערקייקלט צו חילול שבת. ווען דער בחור האט דאס דערזען איז ער געווארן זייער איבערגענומען, ער האט אראפגעווארפן דעם ציגארעטל און אויסגערופן, "מער וועל איך נישט מחלל שבת זיין!" ביז יעצט האט ער אויך געוואוסט אז חילול שבת איז גאר א הארבע זאך, נאר ווען ער האט געזען ווי שטארק עס גייט פאר זיין טאטן אין לעבן איז עס אים אריין אין די ביינער.*

אזא חינוך דארפן די עלטערן ארייגעבן סיי ביים סור מרע און אודאי ביים עשה טוב. עס שטייט אין די מפרשים אויף דעם פסוק די וואך ביי די נדבות המשכן: "כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם וכו' הביאו בני ישראל נדבה לה'." שטעלן זיך די מפרשים, וואס פעלט אויס צוצולייגן נאכאמאל ביים סוף פון דעם פסוק די ווערטער "הביאו בני ישראל נדבה לה'", ס'איז דאך שוין געשטאנען אז די אידן האבן געברענגט נדבות? נאר ענטפערן די ספרים אז די תורה וויל אונז מרמז זיין אז ביים ברענגען די נדבות פאר די משכן האבן די עלטערן מיט געברענגט די "בני" ישראל, די קינדער פון די מנדבים זאלן זען אז עס איז א נדבה לה' און אז מען גיבט עס מיט'ן גאנצן הארץ. ווען מען טוט מצוות אויף אזא אופן און מען ווייזט פאר די קינדער אז דער הארץ איז דערביי דאן גייט עס אריין אין זייערע ביינער און זיי טוען עס נאך בעז"ה.

TRUST
INSURANCE BROKERAGE
MOSHE STEINMETZ
ALL FORMS OF INSURANCE
COMMERICAL
RESIDENTIAL
FIRE INSURANCE
WORKERS COMP
AUTO
HEALTH
DISABILITY
Phone: 718-305-7330
Fax: 718-305-7331
cell: 347-408-7337
ms@trustbrokerage.net
4319 13th Avenue
Brooklyn N.Y. 11219

Shimmy Goldberg
DRIVEWAY LEASING
Phone: 718.813.3000 #103
Monsey: 845.459.AUTO (2886)
Fax: 718.517.8022 Cell: 347.351.9148
Email: shimmy@drivewayleasing.com
www.drivewayleasing.com

Adapted and edited by:
Just Write
Looking for the words that will say it just write?
347.450.8467 info@justwritethat.com

**מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**
**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

**צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**